**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/03/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**לכבוד טראנסדזשענדער אויפמערקזאמקייט חודש, אנאנסירט גאווערנער האקול שריט צו שטיצן טראנסדזשענדער ניו יארקער**

***נייע פינאנצירונג געלעגנהייט ארויסגעקומען צו אויסברייטערן די 'לארענא באָרהאס טראנסדזשענדער און נאָן-ביינערי וואוילזיין און גערעכטיגקייט קאסע'***

***די אפיסעס פון אלגעמיינע סערוויסעס און פון ארבייטער באציאונגען נעמען אונטער שריט צו פארבעסערן באהאנדלונג פון טראנסדזשענדער סטעיט ארבייטער ביים ארבעטספלאץ***

***סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן און טראנסדזשענדער פאן צו אויפגעהויבן ווערן אויפן קאפיטאל געביידע אין עהרע פון 'טראנסדזשענדער אנדענק טאג' אויף נאוועמבער 20***

***גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעקלערנדיג נאוועמבער אלס 'טראנסדזשענדער אויפמערקזאמקייט חודש'***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע דעקלערנדיג נאוועמבער אלס 'טראנסדזשענדער אויפמערקזאמקייט חודש' צו פייערן טראנסדזשענדערס, דזשענדער נאָן-קאנפארמינג און נאָן-ביינערי מענטשן אין ניו יארק סטעיט און אריבער דעם לאנד. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט וועט ארויפציהען די טראנסדזשענדער פאן אויף די קאפיטאל געביידע און אז צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין פינק, ווייס און העל בלוי דעם מאנטאג, נאוועמבער 20, אין עהרע פון דעם 'טראנסדזשענדער אנדענק טאג'. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט עטליכע שריט וואס די סטעיט רעגירונג וועט אונטערנעמען צו שטיצן טראנסדזשענדער מענטשן אריבער ניו יארק.

"טראנסדזשענדער אויפמערקזאמקייט חודש איז נישט נאר א חודש צו פייערן די אומשאצבארעביישטייערונגען וואס טראנסדזשענדער, דזשענדער נאָן-קאנפארמינג און נאָן-ביינערי קאמיוניטיס האבן געמאכט פאר אונזער סטעיט, נאר עס איז אויך א צייט צו קאנפראנטירן די מיספארשטענדעניש וואס פירן צו דיסקרימינאציע און געוואלדטאטן קעגן טראנסדזשענדער מענטשן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע בלייבט איבערגעגעבן צו פארשטערקערן די הילפס-מיטלען און שוץ מאסנאמען פאר טראנסדזשענדער ניו יארקער כדי יעדער מענטש אין אונזער סטעיט זאל קענען לעבן פריי פון דיסקרימינאציע און געשעצט ווערן פאר ווער זיי זענען."

גאווערנער האקול איז געווען א פעלזן-פעסטע שתדלן'טע פאר טראנסדזשענדער, דזשענדער נאָן-קאנפארמינג און נאָן-ביינערי ( transgender, gender non-conforming, and non-binary, TGNCNB) קאמיוניטיס דורכאויס די צייט פון איר אדמיניסטראציע. דורכאויס 'פרייד חודש' פון 2022 האט די גאווערנער אונטערגעשריבן געזעצן אוועקשטעלנדיג די "לארענא באָרהאס טראנסדזשענדער וואוילזיין און גערעכטיגקייט קאסע" (Lorena Borjas Transgender Wellness and Equity Fund),

צוטיילנדיג 2 מיליאן דאלאר אין סטעיט אגענטור פינאנצירונג צו שטיצן ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאר די טראנסדזשענדער, דזשענדער נאָן-קאנפארמינג און נאָן-ביינערי קאמיוניטי.

פריער דאס יאר האט גאווערנער האקול פארגרעסערט די קאסע מיטן פאראארדענען די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) צו צושטעלן נאך 1 מיליאן דאלאר צו שטיצן זעלבסטמארד פארמיידונג פראגראמען פאר TGNCNB יוגענטליכע. באצייכענענדיג א באדייטנדע דערגרייכונג מיט די איינפירונג פון די אינציאטיוו, האט די גאווערנער היינט אנאנסירט אז די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט  וועט יעצט אננעמען פארשלאגן פאר די נייע געלטער וועלכע וועלן גיין צו שטיצן קאמיוניטי-באזירטע שטיצנדע און פארמיידנדע סערוויסעס פאר פארקוקטע יוגענטליכע און יונגע ערוואקסענע וואס אידענטיפיצירן זיך אלס TGNCNB — אריינגערעכנט אויך די וועלכע זענען אומזיכער אדער ראנגלען זיך מיט זייער דזשענדער אידענטיטעט.

כמעט איינער פון יעדע פינף טראנסדזשענדער און נאָן-ביינערי יוגענטליכע האט פארזוכט צו באגיין זעלבסטמארד, לויט א באריכט וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אין 2022 דורך דעם 'טרעווער פראיעקט', א נאָן-פראַפיט ארגאניזאציע וואס קאנצענטרירט זיך אויף זעלבסטמארד פארמיידונג און קריזיס אינטערווענץ צווישן +LGBTQ יונגווארג. בערך דריי-פערטל פון טראנסדזשענדער און נאָן-ביינערי יוגענטליכע האבן באריכטעט אז זיי האבן געפילט סימפטאמען פון ענקזייעטי, און כמעט צוויי-דריטל האבן באריכטעט אז זיי גייען אריבער סימפטאמען פון דעפרעסיע — האט די באריכט געפונען נאכן אויספרעגן אומגעפער 34,000 +LGBTQ יוגענטליכע צווישן די יארגאנג פון 13 צו 24.

די נייע פינאנצירונג געלעגנהייט בויט ארויף אויף די לארענא בארדזשעס טראנסדזשענדער און נישט-ביינערי וואוילזיין און גלייכקייט קאסע און ברענגט די סך הכל סומע פון אינוועסטירונג אין סטעיט אגענטור פינאנצירונג אין די אינציאטיוו צו 3 מיליאן דאלאר פאר פיסקאלע יאר 2024. אין צוגאב, האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז די העלט דעפארטמענט וועט ארויסקומען מיט א פינאנצירונג געלעגנהייט שפעטער דעם חודש אין פארבינדונג מיט די אינציאטיוו, גיבנדיג פריאריטעט פאר ארגאניזאציעס וואס זענען אנגעפירט אדער אויפגעהאלטן דורך TGNCNB אליין און וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאר TGNCNB קאמיוניטיס און צושטעלנדיג מיליאנען דאלארן אין סטעיט פינאנצירונג צו שטיצן קריטישע סערוויסעס פאר די קאמיוניטי.

אין צוגאב, נעמט גאווערנער האקול אונטער שריט צו פארשטערקערן די ניו יארק סטעיט רעגירונג אלס א מוסטערהאפטיגע ארבעטסגעבער פאר TGNCNB ארבייטער. די אפיס פון ארבייטער באציאונגען (Office of Employee Relations, OER) גיבט ארויס אן אנווייזונג ביכל פאר עקזעקיוטיוו אגענטורן איבער די באנוץ פון פראנאמען ("ער", "איס", "זי" א.א.וו.) אין אימעילס, ערקלערנדיג די וויכטיגקייט פון פראנאמען און די רעקאמענדירטע וועגן זיך צו באנוצן מיט זיי.

די אנווייזנוג ביכל וועט העלפן סטעיט ארבייטער אריינשרייבן די פראנאמען – וואס זיי ווילן אז אנדערע זאלן נוצן אין באציאונג צו זיי – אין זייער אימעיל אונטערשריפט, און אזוי אויך אנווייזן ארבייטער צו נוצן די OER'ס 'דזשענדער אידענטיטעט כלים', א סיכום פון די בעסטע וועגן וויאזוי צו שטיצן TGNCNB ארבייטער ביי די ארבעטספלאץ. די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) גיבט אויך ארויס אנווייזונגען וואס פאראארדנט אגענטורן צו ארויפלייגן נייע שילדן אויף די טיר פון א בית הכסא וואס האט פלאץ פאר איין מענטש און איז דזשענדער-נייטראל אין איינריכטונגען אין אייגנטום אדער אויפהאלטונג פון די סטעיט רעגירונג.

די נייע שילדן ווייזן אן אויף די פונקציע און צוגענגליכקייט פון די בית הכסא, אנשטאט אויף אויב עס איז פאר מענער/פרויען, מאכנדיג די בית הכסא'ס מער רעספעקטפול ביי סטעיט אגענטורן. די שריט זענען א

וויכטיגע טריט פאראויס אין די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען פאר גלייכע באהאנדלונג פון אלע ניו יארקער, אריינרעכענענדיג די וועלכע האבן פארשידנארטיגע דזשענדער אידענטיטעטן.

**ניו יארק סטעיט טשיעף דייווערסיטי אפיסער דזשוּליסא גוּטיערעז האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר האלטן אפ און פייערן 'טראנסדזשענדער אויפמערקזאמקייט חודש', בין איך דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס אנטשיידענע פארפליכטונג צו פארשטערקערן די רעכטן און אנערקענונג פון אונזערע טראנסדזשענדער, דזשענדער נאַן-קאנפארמינג און נאַן-ביינערי קאמיוניטיס. איר פירערשאפט האט געשפילט א וויכטיגע ראלע ביים טרייבן פאר פארשריט צו פארזעצן צו מאכן ניו יארק סטעיט פאר א מער גערעכטע, שטיצנדע און אריינגעמנדע ארבעטספלאץ פאר טראנסדזשענדער ניו יארקער און צו זיין א מוסטערהאפטיגע ארבעטסגעבער פאר יעדן."

אום נאוועמבער 20 וועט די טראנסדזשענדער פאן ארויפגעצויגן ווערן העכער די ניו יארק סטעיט קאפיטאל געביידע, און די פאלגנדע 16 צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין פינק, ווייס און העל בלוי אין עהרע פון דעם 'טראנסדזשענדער אנדענק טאג':

- WTC 1
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוּקעישן געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- לעיק פלעסיד אלימפישע צענטער
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּאָרט ליפט בריק העכער די ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן